בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון צ"ה

פרשת יתרו
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### אַז מֶען הָאט נִישְׁט - טַאנְצְט מֶען אַ קַאדַאטְשְׁקֶע

אוֹיבּ עֶס פֶעלְט זַאכְן אִין חֵדֶר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּאפִּיר אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אָדֶער אַ מְלַמֵּד דַארְף אַ בֶּעזֶעם אָדֶער אַ שָׁאוְול פַאר זַיין כִּתָּה וְכַדוֹמֶה, זָאל מֶען עֶס זָאגְן פַארְן מְנַהֵל, עֶס קֶען זַיין אַז דֶער מְנַהֵל וֶועט דִיר עֶנְטְפֶערְן: **"אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען גֶעלְט פַאר דֶעם"**, אוּן מֶען וֶועט צוּזַאמֶען טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע... אָבֶּער 'רֶעדְן' מוּז מֶען, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוּן מֶען לֵייגְט אוֹיס גֶעלְט פוּן דִי אֵייגֶענֶע טַאשׁ קֶען מֶען נָאכְדֶעם וֶוערְן פִּיל מִיט וֵוייטָאג אַז 'אִיךְ לֵייג אוֹיס גֶעלְט, מֶען קוּמְט מִיר גֶעלְט אוּן קֵיינֶער הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט...'

אַנְשְׁטָאט זִיךְ עֶסְן אִין הַארְץ זָאג פַארְן מְנַהֵל: **"אִיךְ דַארְף אַ בֶּעזֶעם"**, **"אִיךְ דַארְף אַ שָׁאוְול"**, אוּן אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט וֶועט עֶר זָאגְן אַז עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זַאכְן וָואס עֶר דַארְף פַאר זִיךְ, אוּן מֶען וֶועט אִינְאֵיינֶעם טַאנְצְן...

וֶוען מִיר הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דִי חֵדֶר אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, אַ בָּחוּר הָאט אַהֵיימְגֶעפִירְט דִי קִינְדֶער מִיט אַ וֶוען, אִיז עֶר אוּנְז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן 'צֶען דָאלֶער' אָנְצוּפִילְן זַיין וֶוען מִיט גֶעז, וָואס הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט טוּן, מִיר הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, דִי קַאסֶע אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג, הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן...

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאכְן דַאוֶוענֶען מִיט טַעֲנוֹת אַז צְוֵויי אִינְגֶעלַייט לַאכְן פוּן אִים אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וַוייזְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: **"דָא זִיצְן דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ פַאר גֶעלֶעכְטֶער"**, מוֹהֲרָא"שׁ רוּפְט זֵיי צוּ אוּן עֶר פְרֶעגְט זֵיי: **"פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּעט עֶטְץ דֶעם מֶענְטְשׁ?!"** זֵיי קוּקְן אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ מִיט ווּאוּנְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנוּנְג פוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט, פְרֶעגְט זֵיי מוֹהֲרָא"שׁ: **"פוּן וָואס לַאכְט עֶטְץ שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה?"** הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים קַיין 'לֶחֶם מִשְׁנָה', הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל צוּגֵיין צוּ מַיין חַבֵר פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר הָאט אֶפְשָׁר אַן אִיבְּרִיגֶע חַלָּה פַאר מִיר, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן אַ חַלָּה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַאכְן, וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין לֶחֶם מִשְׁנָה אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעטְרַאכְט צוּצוּקוּמֶען צוּ מִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַן אִיבְּרִיגֶע חַלָּה פַאר אִים, הָאבְּן מִיר בֵּיידֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַאכְן"**. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַ לִימוּד אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין מָרָה שְׁחוֹרָה דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען לַאכְט פוּן אִים, בְּשְׁעַת זֵיי לַאכְן וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַלָּה אוֹיף שַׁבָּת...

## אַ מְלַמֵּד אַ בֵּיישְׁפִּיל

### עֶס גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף עֶנְק!

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי קִינְדֶער זִינְגֶען נִישְׁט מִיט, וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס, קִינְדֶער זִינְגֶען נִישְׁט מִיט, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ זִינְגֶען דִי נִיגוּנִים וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס אִין חֵדֶר.

מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר מִיט אַ פַּרְשָׁה בִּיכְל, אִיךְ פְרֶעג מַיין קִינְד דִי שְׁאֵלוֹת: **"וֶוער אִיז גֶעוֶוען נֹחַ?"** אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ וִויל פוּן אִים, הֵייבּ אִיךְ אָן זִינְגֶען מִיט אִים דֶעם נִיגוּן וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט: **"נֹחַ הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַ תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה..."** אוּן עֶר זִינְגְט נִישְׁט מִיט, שְׁפֶּעטֶער חֲנוּכָּה צַייט, וֶוען עֶר שְׁפִּילְט מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג אִינְדֶערְהֵיים, הֶערְט מֶען וִוי עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער: **"נֹחַ הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַ תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה..."** - זֶעקְס וָואכְן הָאט אִים גֶענוּמֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי נִיגוּנִים וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אוֹיף חֲנוּכָּה, דֶער מְלַמֵּד זִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער: **"יְוָנִים, יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי, אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים... וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים"**, אָבֶּער מַיין קִינְד וֵוייסְט גָארְנִישְׁט פוּן חֲנוּכָּה, הֶערְשְׁט טִיף אִינְמִיטְן 'חוֹדֶשׁ שְׁבַט' הֶערְט מֶען וִוי

בְּשָׁעַת עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ שְׁטִיל אִינְדֶערְהֵיים, זִינְגְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער: **"וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים..."**

מֶען זֶעט פוּן דֶעם, אַז אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אַ קִינְד - גֵייט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ, נָאר יֶעצְט קֶען עֶר עֶס נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן, יֶעצְט זִינְגְט עֶר נָאכְנִישְׁט מִיט, יֶעצְט אִיז עֶר פַארְשְׁפִּילְט מִיט זַיינֶע שְׁפִּילְצֵייג, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער קוּמְט אַרוֹיס אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים.

## אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל

אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵּד דַארְף גֵיין אִין כִּתָּה אָנְגֶעטוֹן מִיט אַ רֶעקְל אָדֶער מִיט אַ כַאלַאט.

אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרוּמְוואַשְׁן, זִיךְ צַאמְנֶעמֶען, אוּן זִיךְ אוֹיסְקֶעמֶען דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וַוייל קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט דֶערְלַיידְן אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז צוּפְלוֹיגְן אוּן עֶס גֵייט פוּן אִים אַ גְרוּךְ.

## אִיךְ דַארְף חֲסִידִי'שֶׁע מְלַמְּדִים

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן זִיךְ פּוּצְן; אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעדַארְפְט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט זִיךְ גֶעשׁוֹירְן פוּן אוּנְטְן ווִי דִי גוֹיִ'אִישֶׁע מָאדֶעס.

[בִּכְלַל הָאבּ אִיךְ אַ קַשְׁיָא צוּ דִי וָואס שֶׁערְן זִיךְ פוּן אוּנְטְן לוֹיט דִי מָאדֶע: אִיז דָאס דֶען שֵׁיין?! מֵילָא אַנְדֶערֶע מָאדֶעס קֶענְסְטוּ אֶפְשָׁר טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז 'שֵׁיין' אוּן אִיךְ טוּ עֶס נִישְׁט ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, אָבֶער דֶער מָאדֶע פוּן נֶעמֶען אַ צְוַוייג אוּן זִיךְ שֶׁערְן מִיט אַ שֶׁער מַאשִׁין פוּן אוּנְטְן גְרַאד, - דָאס אִיז דָאךְ זֵייעֶר מִיאוּס, ווֶען אִיךְ זֶע אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מָאדֶע מַאכְט עֶס מִיר פַארְאִיבְּלְט, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ. אִיךְ בִּין מְקָרֵב אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אִיךְ רֶעד צוּ יֶעדְן, אָבֶער ווֶען אִיךְ זֶע אֵיינֶעם גֵיין אַזוֹי - דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאזוּנְדֶער נֵייטְן צוּ רֶעדְן צוּ אִים שֵׁיין, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ שֶׁערְן מִיט אַ מָאדֶע, לָאז דַיין קָאפּ נַאטוּרְלִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס קוּמְט פַאר אַ אִיד צוּ גֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן].

אִין יְשִׁיבָה נֶעם אִיךְ אַרַיין יֶעדְן אֵיינֶעם, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, ווִי אַזוֹי דוּ זֶעסְט אוֹיס ווֶעט מֶען דִיךְ מְקָרֵב זַיין, מֶען ווֶעט דִיךְ מַאכְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ מְלַמֵּד, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל!

לְאַמִיר עֶנְק זָאגְן קְלָאר: **"אִיךְ דַארְף מְלַמְּדִים 'חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן'!"**

אַז דוּ הֵייבְּסְט זִיךְ אָן צוּ פּוּצְן - פֵּיְץ אַרוֹיס פוּן דָא... גֵיי אַרַיין אִין ווַייבֶּער שׁוּל...

## דֶער גַּבַּאִי אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ פַאר דִי גַּבָּאִים פוּן דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, סַיי פוּן שְׁטֶעטְל, סַיי פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן פוּן אִיבֶּעְרַאל, ווֶער עֶס ווִיל קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאווֶענֶען - קֶען קוּמֶען; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט ווֶען יֶענֶער שְׁטֶערְט אָדֶער דְרֵייט אִיבֶּער. מֶען ווֶעט זִיךְ צוּמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן יֶעדְן לָאזְן זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָבֶער אַז דוּ בִּיסְט דֶער 'גַּבַּאִי פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ' אָדֶער דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אוֹיף צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב מַאכְן אַן אַפִּיעֶל פַאר צְדָקָה, מוּזְטוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן מִיט אַ רֶעקְל אוּן אַ הוּט, וַוייל בֶּאֱמֶת דַארְף דָאךְ יֶעדֶער גֵיין אַזוֹי אָנְגֶעטוֹן, נָאר וָואס זָאל מֶען טוּן אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם, אוּן מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן דֶעם, אָבֶער אַז דוּ פִירְסְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְפְסְטוּ זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל צוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג.

בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶר אָנְגֶעטוֹן מִיט אַ פָּאוֹלֶער-שִׁירְט (אַרְבֶּעטְס הֶעמְד), אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין נִישְׁט צֶען יָאר גֶעזֶעען מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, - גֶעקוּמֶען אָנְגֶעטוֹן שֵׁיין מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי אֵיינֶער זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ווֶען אִיךְ קוּם אַרַיין, אוּן ווֶען מוֹהֲרָא"שׁ קוּמְט אַרַיין בְּלַייבְּט עֶר זִיצְן... אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"דוּ פַארְשֶׁעמְסְט מִיךְ! פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ מִיר אָנְגֶעטוֹן שֶׁענֶער ווִי ווֶען דוּ קוּמְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט צוּ מַיין שִׂמְחָה אַזוֹי ווִי דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל?! קוּם נַאטוּרְלִיךְ, אַז דוּ בִּיסְט בַּאקְוֶועם מִיט דַיין פָּאוֹלֶער-שִׁירְט, אוּן דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז דָאס אִיז דֶער ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוֹן - קוּם אוֹיךְ אַזוֹי צוּ מַיין שִׂמְחָה, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג זִיךְ אָנְצוּטוֹן - קוּם אוֹיךְ נִישְׁט אַזוֹי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּם דַאווֶענֶען"**.

## אַ כִּתָּה מוּז זַיין זוֹיבֶּער אוּן רֵיין

אַ כִּתָּה וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְף זַיין שֵׁיין אוֹיפְגֶערוֹימְט, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן דִי עֶרְד זָאל זַיין שְׁמוּצִיג, מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוֹיבּ אִיךְ בַּאמֶערְק אִין יְשִׁיבָה אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר אַ גְלֶעזְל לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, שְׁטֶעל אִיךְ אָפּ דֶעם שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ בֶּעט דִי בָּחוּרִים זָאלְן עֶס אוֹיפְהֵייבְּן.

אִין יְשִׁיבָה קֶען מֶען בֶּעטְן בָּחוּרִים אוֹיפְצוּרוֹימֶען, אִין חֵדֶר דַארְף עֶס דֶער מְלַמֵּד טוּן אָדֶער קֶען עֶר אוֹיךְ שְׁטֶעלְן אַ קִינְד צוּ זַיין גַּבַּאִי אוֹיפְצוּרוֹימֶען דִי כִּתָּה.

אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זֶעט דִי כִּתָּה אִיז נָאךְ שְׁמוּצִיג פוּן נֶעכְטְן, מוּז מֶען צַאמְקֶערְן דִי שְׁמוּץ, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג ווִילַאנְג דִי כִּתָּה אִיז נִישְׁט זוֹיבֶּער.

'וָואס הֵייסְט? דִי מוֹסָד דַארְף צוּשְׁטֶעלְן אֵיינֶער זָאל רֵיינִיגְן?!' - דוּ בִּיסְט דֶער מוֹסָד, רוֹים אוֹיף דַיין כִּתָּה!

## רֶעדְן רִיכְטִיג צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה

אִיךְ ווִיל מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, פוּן קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל. מֶען דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף אָפְּהִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

אִיךְ בִּין דָאךְ אַ 'חָתָן מְלַמֵּד', עֶס קוּמֶען צוּ מִיר חֲתָנִים; הֶער אִיךְ פוּן חֲתָנִים, אֵיינֶעם הָאט מֶען יוּנְגֶערְהֵייט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אָפְּהִיטְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, דֶער גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה זוֹיבֶּער אוּן רֵיין, עֶס אִיז אִים אַזוֹי זִיס זַיין לֶעבְּן, אוּן דֶער צְווֵייטֶער זָאגְט מִיר: **"עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁווֶער, מֶען הָאט מִיךְ קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט פוּן קְדוּשָּׁה"**, אַוַודַאי קֶען מֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מֶען קֶען צוּרִיק ווֶערְן זֵייעֶר זֵייעֶר זוֹיבֶּער, אָבֶער אַז מִיר זֶענֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, דַארְפְן מִיר זֵיי אָנְגְרֵייטְן אוֹיפְן בֶּעסְטְן ווֶעג.

## הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרֶעגְט דֶעם מְנַהֵל דֶער שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער וֵוייסְט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם קֵיין מִכְשׁוֹל.

שְׁמוּעֶסְט מִיטְן מְנַהֵל וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן וָואס מֶען קֶען מַאכְן בֶּעסֶער פַאר דִי קִינְדֶער.

### דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם מַגִיד שִׁיעוּר פוּן יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם:** לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן גֵיין 'הֲפָצָה', זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט; אוּן זֵיי זָאלְן פִילְן אַז דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז זֵייעֶרְ'ס, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין דָארְט וִוי גֶעסְט, נָאר זֵיי זָאלְן צַאמְפַּאקְן דִי סְפָרִים אוּן אוֹיסְקֶערְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ; אוּן וֶוען אַ אִיד קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִינְמִיטְן טָאג, זָאל מֶען אִים גֶעבְּן 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם'; אִיךְ וִויל דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל שְׁפִּירְן וִוי דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז זֵייעֶרְ'ס כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דֶער מַגִיד שִׁיעוּר!

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְדִים, אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט עֶנְק, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף עֶנְק טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים.

עֶטְץ הָאטְס נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זִינְגְט מִיט זֵיי: **"אַבַּיֵי וְרָבָא, אַבַּיֵי וְרָבָא, אַבַּיֵי וְרָבָא קַדִּישָׁא".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, אָמֵן.

### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מוּז אַ קִינְד פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן? אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אִין אֵיין בְּרִיוו, דָאס אִיז אַן אֲרִיכוּת הַדְבָרִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם אַ סֵפֶר: "אוֹצָר חִנוּךְ הַיְלָדִים"; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן מַמָשׁ בְּקִיצוּר, אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם פְּרִינְצִיפּ אַז 'אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט'; אַז מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער 'נֵיין' אִיז 'נֵיין'. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער וִוילְן דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אוּן הֵייבְּן אָן וֵויינֶען, בְּלָאזְן אוּן פַארְפִירְן וְכוּ'; דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיסְצוּפִירְן, בִּיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַיין אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרְס אַ וָוארְט, דֶעמָאלְט גֶעבְּן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶער אוּן וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס אוּן מֶען פָאלְגְט נִישְׁט מֶעג מֶען שְׁלָאגְן, חַס וְשָׁלוֹם צוּ שְׁלָאגְן קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער; פֶּעטְשׁ אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער. וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

דָאס וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַז אַ וָוארְט זָאל זַיין אַ וָוארְט; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי עֶלְטֶערְן, צִי זֵיי אַלֵיינְס זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט דֶעם וָואס זֵיי זָאגְן. אַז דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס זֶענֶען מְסוּפָּק, אָדֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא חִלוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן טַאטֶע מַאמֶע - דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פָאלְגְן; וֶוען קִינְדֶער שְׁפִּירְן וִוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג וֶועלְן זֵיי פָאלְגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? מִיט אַלֶע עֵצוֹת אוּן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶועןְ מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(עצתו אמונה חלק ה', מכתב תנא)

## ווִי אַזוֹי גִיבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַּאר'חָלוֹמְ'ט קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק, וּבִפְרַט פַאר די חִיזּוּק אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, יֶעדֶעס מָאל וואס אִיךְ הֶער עס שְׁטַארְקְט עס מִיר פוּן פְּרִישׁ צוּרִיק צוּ לוֹיפְן צוּ די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶער זוּן, עֶר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ פַּאר'חָלוֹמְ'טֶער, עֶר קֶען זִיצְן שָׁעוֹת און זַיין פַּארְנוּמֶען בִּלְוִיז מִיט זַיינֶע חֲלוֹמוֹת און פַּאנְטַאזְיֶעס. דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, ווייל עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, עֶר זִיצְט רוּאִיג אוֹיף זַיין פְּלַאץ, ווען עס קוּמְט אָבֶּער צוּ קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט אַנוּנג וואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַבִּיסֶל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער עס אִיז מַמָּשׁ ווי קְרִיכְן אוֹיף די גְרַאדֶע ווֶענְט, נָאר ווען אִיךְ שְׁרַיי אִים אָן אָדֶער אִיךְ גִיבּ אִים אַ פֶּעטְשׁ, דֶערְמָאלְט ווֶעקְט עֶר זִיךְ אוֹיף און הוֹיבְּט אָן אַבִּיסֶל אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער עס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז ווען עֶר ווֶערְט ווִידֶער פַּאר'חָלוֹמְ'ט, בִּיז אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פון די כֵּלִים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג, ווייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ לֵיידִיגֶער שְׁטְרִיק.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אַזוֹי לוֹיפְן, און דָאס וואס אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אִים קוּמְט דָאךְ נָאר מִיט אַ גוּטֶע כַּוָּונָה אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ.

ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין זוּן אִים נִישְׁט צוּ פַּארְשֶׁעמֶען און אִים נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן; אַז דוּ ווֶעסְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן ווֶעסְטוּ עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט אִים פַּארְשֶׁעמֶען, דוּ ווֶעסְט אִים בַּאטִיטְלֶען מִיט אַ צוּנָאמֶען 'חוֹלֵם', אָדֶער 'פַּאר'חָלוֹם'טֶער' וְכַדּוֹמֶה, אָדֶער דוּ ווֶעסְט אִים שְׁלָאגְן ה' יִשְׁמְרֵינוּ - ווֶעסְטוּ אִים חָרוּב מַאכְן אִינְגַאנְצְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם פון די ווֶעלְט לֶערְנְט אוּנְז ווי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ" - לוֹיט זַיין ווֶעג. יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ און אַן אַנְדֶערֶע ווֶעג ווי אַזוֹי עֶר ווַאקְסְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין ווֶעג. אֵיינֶער אִיז אַ שַׁארְפֶער קָאפּ - דֶער צְווֵייטֶער אִיז אַ גְרָאדֶער קָאפּ, אֵיינֶער אִיז אַ שְׁנֶעלֶער קָאפּ - דֶער צְווֵייטֶער אִיז אַ שְׁטֵייטֶער קָאפּ; מִיט יֶעדְן קִינְד דַארְף מֶען גֵיין אוֹיף זַיין ווֶעג.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן גִּדְגְּדָא, אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעווֶען טוֹיבֶּע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ; דָאךְ זֶעעֶן מִיר וואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעווֶען מְמוּנֶה אוֹיף אַלֶע טָהֳרוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם (תּוֹסֶפְתָּא תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, יְרוּשַׁלְמִי שָׁם). זֶעט מֶען פון דֶעם ווי די הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעווֶען טוֹיבּ לֹא עָלֵינוּ, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעווֶען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים און זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר ווֶעג.

אַז דוּ ווֶעסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט דַיין זוּן ווֶעט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר ווֶעט אוֹיסְוַואקְסְן לוֹיט זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת און דוּ ווֶעסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פון אִים, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ ווֶעסְט אִים טְשֶׁעפֶּען ווֶעט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פון אִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַז זַיין קָאפּ און מֹחַ זָאל זִיךְ אִים עֶפֶענֶען, עֶר זָאל פַּארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען און לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען - ווֶעסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶער תַּנָּא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן גִּדְגְּדָא (חֲגִיגָה ג.) אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעווֶען טוֹיבֶּע, זֵיי פְּלֶעגְן זִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ בַּיי די שִׁיעוּרִים פון דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא און זֵיי פְּלֶעגְן זִיךְ שָׁאקְלֶען און מַאכְן מִיט זֵייעֶרֶע לִיפְּן, הָאט רַבִּי מִתְפַּלֵּל גֶעווֶען אַז זֵיי זָאלְן ווֶערְן גֶעזוּנְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיס טוֹיבּ; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט - דַאווֶענֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער און פַאר דֶעם קִינְד, דוּרְכְדֶעם ווֶעסְטוּ זֶען נִיסִים.

נָאכְמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר און אִיךְ וָוארְן דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אִים נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן און נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת במדבר, תש"פ)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876